געהאַט די בעסטע אויסזיכטן נאָך לאַנגע יאָרן ממש צו הערשן אויף דער יידישער אַפּערעטן־בינע".

נאָכן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי און איר פאַמיליע אָנגעהויבן זיך שרעקן, אַז היטלער וועט פאַרכאַפּן לעטלאַנד. זיי האָבן ליקווידירט זייער היים. איר מאַן וואָס איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר אין ריגע, האָט צוזאַמען מיט איר און אַ זון עמיגרירט קיין אַמעריקע. דער מאַן האָט גענומען זוכן אַ באַשעפטיקונג און ניט געפונען. ט. האָט געפּרוּווט אויפטרעטן אויף קאָנצערטן און ניט געקראָגן קיין מעגלעכקייט. זי האָט באַקומען אַ ראָל אין אַ יידישן פילם מיט מיכאַלעסקאָ, אָבער איר געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע האָט זי דערפירט צו פאַרצווייפלונג, און אויסנוצנדיק, וואָס קיינער איז ניט געווען אין שטוב, האָט זי זיך דעם 28 פעברואַר 1940 אויפגעהאַנגען אין איר היים אין ניו־יאָרק.

ש. ע. פון זלמן זילבערצווייג.

ל. מירקעס [מאַרק ראַזומני] — נינאַ טאַליני — די „איד. שיקסע" וואָס קערט זיך אום צום ריג. איד. טעאַטער, „באַטאַג", ריגע, 16 נאָוו. 1932.

שושנה ג. — נינאַ טאַליני — נייער „סטאַר" אין ריגער אידישען טעאַטער, דאָרט, 20 סעפּט. 1933.

[—] — פליכטלינג־זינגערין פון רוסלאַנד הענגט זיך ווען איר מאַן געהט זוכען אַ רזשאַב, „פאָרווו"., נ. י., 1 מערץ 1940.

## „סימכעוועסאָסען" [שמחה וששון]

יאָנאַס טורקאָוו שרייבט:

„אין גראָדנע איז אין יאָר 1926 געגרינדעט געוואָרן אַ קליינקונסט־טעאַטער א׳נ „סימכעוועסאָסען" (שמחה וששון) אונטער דער ליטעראַרישער אָנפירונג פונם רעדאַקטאָר פון „גראָדנער מאָמענט" — דורל בערעזאָווסקי.

די הויפּט־כוחות, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם דאָזיקן טעאַטערל, זיינען געווען: אַנאַ לוביטש, יענקעלע ליפּינסקי, דער קונסט־מאָלער יוסף פּאַסמאַניק, וועלכער האָט אויך מיטגעשפּילט, און יהודה יאַצעוולאַן".

יאָנאַס טורקאָוו — „פאַרלאָשענע שטערן", בוענאָס איירעס, 1953, באַנד צווײ, ז. 131.

## ראָלאַנד, וויליאַם
## [וועלוול כאַסקין]

[געב. 24 יולי 1885 — געשט. 16 יאַנואַר 1960]



געבוירן 24 יולי 1885 אין וויטעבסק, וייס־רוסלאַנד. עלטערן — סוחרים פון מלבושים. געלערנט אין חדרים און שפּעטער פּריוואַט. אין עלטער פון 14 יאָר געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, וווּ ער אַרבעט בערך 5 יאָר. זייענדיק אַן אַקטיווער מיטגליד פון „בונד", איז ר. בעת אַן ערשטע מייפייערונג אַרעסטירט געוואָרן און געשטעלט געוואָרן אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, און צוליב דעם אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, וווּ ער פאַרנעמט זיך מיט באַזאָרגן צייטונגען צו אַבאָנענטן און דערנאָך ווערט ער אַן אַגענט פון לעבנס־פאַרזיכערונג.



אויס ליבע צו דער בינע, זיך אָנגעשלאָסן אין יואל ענטינס „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", וווּ ער פלעגט אַרויסטרעטן אַלס דעקלאַמאַטאָר.

1906 — צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרט געווען זייער אַקטיוו, אַז דר. זשיטלאָווסקי זאָל אויסגעקליבן ווערן אַלס דומאַ־דעפּוטאַט. בכדי צו שאַפן געלט־מיטלען פאַר דער דאָזיקער וואַל־אַקציע ווערן איינגעאָרדנט איניקע פאָרשטעלונגען, און ר. טרעט דאַמאָלט אויף אַלס „משה מגיד" אין פּינסקיס „פאַמיליע צבי" אונטער ש. אַנסקיס רעזשי. באַלד דערויף קערט ער זיך צוריק קיין אַמעריקע, האָט דאָרט חתונה מיט דער אַקטריסע פּאולין האָפמאַן (ע לעקסיקאָן", זז. 85־584). און ווערט דורכדעם צוגעצויגן צום יידישן טעאַטער, אָבער זיין ערשטע פאַרבינדונג מיטן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער הייבט זיך אָן ערשט אין 1916, ווען ער ווערט קאַסירער ביי מאַקס געביל אין „ליפּצין"־טעאַטער, וווּ ער אַרבעט ביז 1920. אין 1921 ווערט ער „ליסער" פון „ליבערטי"־טעאַטער, וווּ ער אַנגאַזשירט צו שפּילן קלאַראַ יאָנג. אין 1922 ווערט ער מענעדזשער אין געבילס „מאָריס"־טעאַטער. אין 1923 פאָרט ער ווידער קיין רוסלאַנד און ברענגט קיין אַמעריקע בשותפות מיט באָריס טאָמאַשעווסקי, די „ווילנער טרופּע".

וועגן דעם שרייבט דער מיטגליד פון דער „ווילנער טרופּע" אַלעקסאַנדער אַזראַ:

„...ניט אין אַ צילינדער־הוט און ניט מיט אַ גרויסן קינסטלער־באַנד ווי זיין שותף, האָט ער באַגעגנט די „ווילנער טרופּע" אַראָפּגייענדיק פון שיף, איז פאַר אונדז געשטאַנען אַ יונגערמאַן מיט אַ זייער אינטעליגענטן אויסזען, אין נעטע, ניט־שרייענדיקע מלבושים, מיט אַ חנודיקן, ברייטלעכן, ליבן שמייכל, און שטיל, מיט אַ צאַרטער שטימע, געזאָגט „ברוכים הבאים, ווילנער, איך בין גליקלעך אייך צו זען".

דער דאָזיקער פריינטלעכער קבלת־פּנים פון אָט דעם איידעלן מענטשן האָט צעשטרייט אונדזער נערוועזקייט און צופרידענע האָט דער נייער פריינט מר. ראָלאַנד אונדז אָוועקגעפירט אין האָטעל „לאָרידזש", וועלכן ער האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אויף דער זעלבער גאַס, אויף בראָדוויי, האָט ער אויך פאַר דער „ווילנער טרופּע" געדונגען דעם „נאָראַ בעיס"־טעאַטער. ...ווי אַ טאַטע זאָרגט איבער זיינע קינדער, אַזוי האָט אונדזער ליבער ראָלאַנד געזאָרגט וועגן אַלע באַקוועמלעכקייטן, פאַר אונדז ...ער האָט אמתדיק ליב געהאַט, אמתדיק פאַרשטאַנען און אמתדיק געפילט דאָס טעאַטער. ער פלעגט אָפּזיצן גאַנצע טעג ניט אין זיין אָפיס אין טעאַטער, נאָר ביי אונדזערע פּראָבן, האָט ליב געהאַט צו קוקן און נאָכפאָלגן מיט גרויס אינטערעס אונדזער צוגרייטונגס־אַרבעט.

אין אונדזער היסטאָרישער נאַכט, בעת דער ערשטער פאָרשטעלונג פון אונדזער „ווילנער טרופּע" אין ניו־יאָרק (דיבוק) איז אונדזער ברודער ראָלאַנד געווען מיט אונדז הינטער דער בינע, אונדז אָפּגעהיט, ניט צוגעלאָזן צו אונדז קיינעם מען זאָל אונדז, חלילה, ניט שטערן. און נאָך דעם לעצטן פאָרהאַנג, ווען די ווענט פון „נאָראַ בעיס"־טעאַטער האָבן זיך געטרייסלט פון די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, איז פריינט ראָלאַנד אַ גליקלעכער, אַ באַרוישטער פון פרייד און דערפאָלג, אַריינגעלאָפן אין מיין און (זיין פרויס) עלמיתס גאַרדעראָב, געכאַפּט אונדזערע הענט און שטאַרק זיי געדריקט, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ניט געקאָנט ...צוויי גרויסע פערלדיקע טרערן זיינען געשטאַנען אין זיינע שטראַלנדיקע שוואַרץ־בלויע אויגן".

המשך פון בלאט 7. דאָס צווייטע 6197–6198 בלאט

סטאַרס האָבן אויפגעהערט צו ציען אַן עולם צו דער קאַסע, האָט ער זיך ווידער פאַרבענקט נאָך אַ ביסל קונסט. ווען שוואַרץ האָט אויפגעגעבן דאָס דזשאָלסאָן טעאַטער, האָט ראָלאַנד געשיקט שדכ־נים צו מאָריס שוואַרץ וועגן אַ שידוך. שוואַרצן איז געפעלן דער פּלאַן צוריקצוקערן זיך אויף סעקאַנד עוועניו, וווּ עס איז נאָך אַלץ געווען דער צענטער פון יידיש לעבן. זיי האָבן זיך משדך געווען. שוואַרץ איז אַלץ געבליבן דער דירעקטאָר, סטאַר און רעזשיסער און וויליאַם ראָלאַנד איז געוואָרן דער גענעראַל־פאַר־וואַלטער.

.... אויף אַ ספּעציעלער פּראָגראַם, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד דער פּרעמיערע פון אהרן צייטלינס „אסתרקע“ מיט וועלכער שוואַרץ האָט געעפנט זיין 21סטן סעזאָן פון „יידישן קונסט־טעאַטער“, אין דעם געוועזענעם „פּאַבליק טעאַטער“, איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל פון וויליאַם ראָלאַנד מיטן טיטל „מיין חלום רעאַליזירט“. האָט ער געשריבן: „יאָרן־לאַנג האָב איך געהאָפט צו זיין געשעפטלעך פאַרבונדן מיטן יידישן קונסט־טעאַטער און מיט זיין דירעקטאָר מאָריס שוואַרץ. יאָרן־לאַנג האָב איך געפלאַנט צו זיין באַטייליקט אין דער גרויסער אַרבעט פון „יידישן קונסט־טעאַטער“, ווייל איך האָב תמיד געפילט, אַז דער „יידישער קונסט־טעאַטער“ איז אַ קולטור־אינסטיטוציע אין אונ־דזער לעבן אין אַמעריקע, און איך האָב געוואָלט עפּעס ביישטייערן מיט מיין אַרבעט. איצט איז מיין חלום רעאַליזירט“.

דאָס איז באמת געווען ראָלאַנדס חלום, ווייל אַפילו אין די אָפּערעטן אונטער זיין דירעקציע האָט ער געזוכט אַריינצוברענגען עפּעס מער ראַפינירט, מער קינסטלעריש, און בכלל בעסער טעאַ־טער. ליידער איז עס אים ניט געלונגען, ווייל די סטאַרס האָבן געהאַט אַן אַנדער געשמאַק און חוש. אָנצוהאַלטן אַ טעאַטער, האָט ער געמוזט האָבן די גרויסע טעאַטראַלע נעמען פון די סטאַרס, און ער האָט זיך געמוזט בייגן צו זייער הויך אָדער זייער נידריקייט פון קולטורעלן אָדער טעאַטראַלן צושטאַנד.“

**חיים עהרענרייך כאַראַקטעריזירט אים אַזוי:**

„וויליאַם ראָלאַנד איז פּרייטיק פאַרטאָג געשטאָרבן אין אַ האָספּיטאַל אין דאַלאַס, טעקסאַס, ווייט פון דער יידישער טעאַטער־וועלט אין ניו־יאָרק, פון דער וועלט, וועלכער ער האָט אָוועקגע־געבן איבער פיר צענדליק יאָר פון זיין לעבן, אַלס איינער פון די אָנערקענטע און געאַכטעטע יידישע טעאַטער־מענעדזשערס. ער איז געווען איינער פון די טאָמע באַליבטסטע מענעדזשערס ... שוישפּי־לער און קאָלעגן, און אויך שרייבער האָבן אים ליב געהאַט ... ער איז געווען אַ וואָרטסמאַן און אַן ערלעכער מענטש. זיין האַלטונג האָט פאַרמאָגט ווירדע, חשיבות, ניט נאָר צו זיינע מיטמענטשן, נאָר טאַקע צו זיך אַליין. זיין גרעסטע מעלה איז געווען זיין פיזישע און מאָראַלישע זויבערקייט ... פון אַלע יידישע אימפּרעסאַריאָס איז וויליאַם ראָלאַנד געווען דער יונג טובדיקסטער, דער פייערלעכסטער ... ס'האָט פון אים געווייעט מיט הדרת פּנים. ... ער האָט ניט בלויז גענומען פון טעאַטער. ער האָט אויך צוגעטראָגן. ער האָט באַרייכערט די יידישע בראָנזוויל מיט אַ נייעם יידישן טעאַטער־בנין, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג געטראָגן זיין נאָמען („ראָלאַנד טעאַטער“). פאַר דעם האָט ער, צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין, אַריבערגעבראַכט





אַהערצו די באַרימטע ווילנער טרופּע, וועלכע האָט אַריינגעשריבן אַ קאַפּיטל קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער היגן יידישן טעאַטער. ווען קלאַראַ יאַנג איז געווען יונג און פּאָפּולער ביים ניו־יאָרקער עולם, האָט ראָלאַנד מיט איר אויפגעפּנט דעם „ליבערטי טעאַטער“ אין בראָנזוויל און געמאַכט יענע געדיכט יידישע געגנט פאַר אַ יידישן טעאַטער־צענטער.

.. וויליאַם ראָלאַנד איז געווען אַ גוטער און אַן ערלעכער געשעפט־פירער“

מ. ע.

ב. י. גאָלדשטיין — אונזערע אידישע טעאַטער־פאַרוואַלטער, „טאָג“, נ. י., 4 דעצעמבער 1925.

א. פרומקין — שלעכט, שלעכט, און — ער בויט גאָר אַ ניי גרויס טעאַטער, „מאָז'ש“, נ. י., 16 דעצעמבער 1927.

ח. עהרענרייך — די פּלענער פון דעם נייעם אידישען טהעאַטער אין בראָנז־וויל, „פאָרוו.“, נ. י., 28 אויגוסט 1928.

יעקב קירשענבוים — דאָס „נייע ראָלאַנד טעאַטער“ אין בראָנזוויל און זיינע פּלענער, „מאָז'ש“, נ. י., 11 סעפּט. 1928.

„טעאַטער זשורנאַל“ געווידמעט דעם „ראָלאַנד“־טעאַטער, — ניו־יאָרק, 1928.

חיים עהרענרייך — דער פאַרשטאָרבענער טעאַטער־מענעדזשער וויליאַם ראָלאַנד, „פאָרוו.“, נ. י., 21 יאַנואַר 1960.

אַלעקסאַנדער אזרא — צו די שלושים פון אַ נאָענטן, „פאָרוו.“, נ. י., 12 פעברואַר 1960.

מנשה סקולניק — מנשה סקולניק דערציילט, „פאָרוו.“, נ. י., 11 אויג. 1963.

שלום סעקונדאַ — שלום סעקונדאַ דערציילט, „פאָרוו.“, נ. י., 17 מאַי 1970.

## פישער, כאַיע

געבוירן 1902 אין סאָלאָק, קאָוונער גוב. ליטע. ביי פרומע אַ שניידערקע, אַן אַרבעטערין אין אַ פאַבריק פון סאָדע־וואַסער.

עוואַקוירט אין 1915 האָט זי געוואַנדערט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען איבער רוסלאַנד און איינִיקע מאָל אי־בערגעלעבט פּאָגראָמען. 1920 — צוריקגעפאָרן קיין קאָוונע, דאָרט געוואָרן אַ קעכין און געטאָן אַנדערע מלאכות, אָבער עס ציט זי צו דער בינע.

אָנגעקומען אין אַן אָוונט־שול וווּ מ'האָט געלערנט פּלאַסטיק און טעאַטער־איבונגען, ווערט פ. באַמערקט פון דער פּלאַסטיק־לערע־רין ווערא סטאַטניקאָווא, און אויף איר איניציאַטיוו קומט אָן פ. אין 1922 אין דער יידישער טעאַטער־שול ביי דער „קולטור־ליגע“ וווּ זי איז טעטיק ביז 1924, פאָרט דערנאָך קיין ראַטנפאַרבאַנד און טרעט אַריין אין 1925 אין דער יידישער סטודיע פון ווייסרוסלאַנד, וועלכע געפינט זיך דעמאָלט אין מאָסקווע. ווען די טעאַטער־סטודיע ווערט אַ יאָר שפּעטער פאַרוואַנדלט אין „ווימ'ט“, גייט פ. איבער אויטאָמאַטיש אין דער טרופּע.

ווייטערדיקער גורל — אומבאַקאַנט.

## גוטמאַן ישעיה

[זע פינקעלשטיין ישעיה־מאיר] זעקסטער באַנד, זז. 5782–5769]

## קלעבאַנאָוו, א.

האָט אין 1922 געשפּילט ביי זאַסלאַווסקין אין פּעטערבורג.